# דעם רבינ'ס ליכט

שופטים תשפ"א
גליון 55



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.

לָאמִיר זֶען טַייעֶרע קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף דֶעם עִנְיָן פוּן שׁוֹפָר. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אִין חֹדֶשׁ אֱלוּל אַז עֶר הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר ווִיל אַרַיינְגֵיין אִין אַ שְׁטִוּב הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן, אִיז עֶר אַרִיבֶּער נֶעבְּן אַ הוֹיז אוּן הָאט דָארְט גֶעהֶערְט קוֹלוֹת פוּן זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן אוּן מֶען קְלַאטְשְׁט מִיט דִי הֶענְט, עֶס אִיז דָארְט גָאר פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען, אַזוֹי וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז אַז מֶענְטְשְׁן טַאנְצְן וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "אָט דָא אִיז גוּט אַרַיינְצוּגֵיין הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן". בִּיז דָא הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט.

אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ דַאן אָנְגֶערוּפְן צוּם רֶבִּי'ן "אַזוֹי שְׁטֵייט טַאקֶע אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תּוֹרָה י', אַז דוּרְךְ שׁוֹפָר וֶוערְט בָּטֵל דִי כְּפִירוֹת אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הַמְחָאַת כַּף וְרִקּוּדִין." דָאס מֵיינְט אַז דוּרְךְ מִצְוַת שׁוֹפָר אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילֶעךְ צוּ טַאנְצְן אוּן פְּלֶעסְקֶען [פַּאטְשְׁן].

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשִׁיקְט אַ שֵׁיינֶעם רֶמֶז אוֹיף דֶעם אַז שׁוֹפָר הָאט שַׁייכוּת צוּ שִׂמְחָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים "אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה," אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּבוֹת "שׁוֹפָר".

דֶערְפַאר בַּיי דִי פְּסוּקִים פוּן דִי תְּקִיעוֹת זָאגְט מֶען: "אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה", ווארום אִיז דֶער פָּאלְק יִשְׂרָאֵל וָואס זֵיי זֶענֶען מְרַצֶּה דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן שׁוֹפָר. מֶען זָאגְט דָארְט וַוייטֶער, בְּשִׁמְךָ יְגִילוּן כָּל הַיּוֹם - אַז כְּלַל יִשְׂרָאֵל פְרֵייד זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מִיטְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען - אִין דִי רָאשֵׁי תֵּבוֹת פוּן דֶעם אִיז "בְּכִיָּה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין אַ תּוֹרָה אַז דִי בְּכִיָּה - דָאס גֶעוֵויין דַארְף קוּמֶען נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז גָאר שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ (חַיֵּי מוֹהר"ן אות צ"ו) וַוייל תְּשׁוּבָה אִיז טַייטְשׁ זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט דָא קֵיין טְרוֹיעֶרִיקַייט אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט **עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ.**




מֶען דַארְף טַאקֶע זִיךְ שֶׁעמֶען פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאבְּן גְרוֹיס צַעַר, וַוייל מִיר וֵוייסְן גַאנְץ גוּט וִויאַזוֹי אוּנְזֶער יָאר אִיז אַרִיבֶּער, אָבֶּער מֶען טָאר חָלִילָה נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן צוּלִיבּ דֶעם אִין טְרוֹיעֶרִיקַייט בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין שִׂיחַת הָרַ"ן "אַז אַ צוּבְרָאכֶענֶע הַארְץ אִיז זֵייעֶר גוּט, זִיךְ צוּבְּרֶעכְן דָאס הַארְץ פַאר'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ קוּמֶען דוּרְכְדֶעם צוּ עַצְבוּת.

דֶערִיבֶּער הָאט אוּנְז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת גֶעגֶעבְּן אַזַא הֵיילִיגֶע חֹדֶשׁ, וָואס אִין דֶעם חֹדֶשׁ אִיז מֶען עוֹסֵק תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, מֶען זָאגְט תְּהִלִּים, מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר אוּן מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר הַשֵּׁי"ת אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטְן פְרַיינְד.

דֶער שׁוֹפָר בְּרֶענְגְט אוֹיף אוּנְז גְרוֹיסֶע חֲסָדִים אַז הַשֵּׁי"ת זָאל קוּקְן נָאר אוֹיף אוּנְזֶערֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, אוֹיף

המשך אויף זייט 4

# דער הייליגער רבי

## גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי מִתְנַגְּדִים - המשך

דֶער וָואגְן הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט, אוּן דִי מִתְנַגְּדִים הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַ שֵׁיינֶע צוּגֶעדֶעקְטֶע וָואגְן, מִיט אַ פַּארְמַאכְטֶע דֶעק, פוּן אִינְדְרוֹיסְן זִיצְן צְוֵויי גַּבָּאִים, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דִי חָשׁוּבֶ'ע מְפֻרְסָמִים צוּ פָאהְרְן. דָאס אִיז דֶער וָואגְן! אָן קַיין סָפֵק! הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט שְׁטִיל, עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט צוּ וַוארְטְן דִי גַאנְצֶע צַייט.

אִין אֱמֶת'ן אִיז דֶער רֶבִּי שׁוֹין לַאנְג גֶעוֶוען וַוייט אַוֶועק פוּן דָארְט, אַזוֹי אַז דֶעם רֶבִּי'נְס וָואגְן אִיז דָאס אַוַודְאַי נִישְׁט גֶעוֶוען. אִין יֶענֶעם וָואגְן אִיז גֶעזֶעצְן אַ חָשׁוּבֶ'ע רֶעבֶּעצִין וָואס אִיז גֶעפָארְן מִיט צְוֵויי גַּבָּאִים אוֹיפְן וֶועג... זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן זֵייעֶר רוּאִיג אָן צוּ וִויסְן וָואס עֶס וַוארְט זֵיי אָפּ אוֹיפְן וֶועג...



וִוי נָאר דֶער וָואגְן אִיז אַרִיבֶּערְגֶעפָארְן נֶעבְּן נֶעמִירוֹב, זֶענֶען דִי מִתְנַגְּדִים אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען מִיט אַ בֶּהָלָה פוּן זֵייעֶר בַּאהֶעלְטֶענִישׁ, צוּגֶעלָאפְן צוּם וָואגְן מִיט זֵייעֶר כְּלֵי מַשְׁחִית בְּקוֹלוֹת וּבְרָקִים, אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוּן אָפְּגֶעִריסְן דֶעם דֶעק פוּן וָואגְן אוּן גֶעוָואלְט שְׁנֶעל צוּגֵיין רוֹדֶפְ'ן דֶעם רֶבִּי'ן, אָבֶּער וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין וָואגְן אַרַיין הָאבְּן זֵיי דָארְט גֶעפוּנֶען נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע, נָאר אַ חָשׁוּבֶ'ע רֶעבֶּעצִין....

דִי גַּבָּאִים זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען דֶערְצִיטֶערְט, אַזַא זַאךְ הָאבְּן זֵיי נָאכְנִישְׁט גֶעזֶעהְן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן, אַ בַּאנְדֶע אִידִישֶׁע חַסִידִישֶׁע רוֹיבֶּערְ'ס?!?! אוֹיךְ דִי חָשׁוּבֶ'ע רֶעבֶּעצִין אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן, וֶוען זִי הָאט זִיךְ נָאר אָפְּגֶעכַאפְּט דֶעם אָטֶעם הָאט זִי גֶענוּמֶען שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען פוּן גְרוֹיס בֶּהָלָה, דִי מִתְנַגְּדִים הָאבְּן גֶעכַאפְּט זֵייעֶר גְרוֹיסְן טָעוּת, אָבֶּער אַבִּיסְל צוּ שְׁפֶּעט... אוֹי וֵויי, אַזַא בּוּשָׁה אוּן חֶרְפָּה, זֵיי הָאבְּן גֶעכַאפְּט הֶענְט אוּן פִיס אוּן אַנְטְלָאפְן פוּן דָארְט אִין אֵיין אוֹיגְנְבְּלִיק, הָאפְנְדִיג אַז קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט וִויסְן וָואס דָארְט אִיז פָארְגֶעגַאנְגֶען.

דִי רֶעבֶּעצִין מִיט אִירֶע גַּבָּאִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט וָואס דָא אִיז גֶעשֶׁעהְן, זֵיי הָאבְּן צוּרִיק אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם וָואגְן אוּן בַּאלְד אַרַיינְגֶעפָארְן אִין שְׁטָאט, וֶוען דִי רֶעבֶּעצִין כְּדֶרֶךְ הַנָּשִׁים, הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר יֶעדְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען מִיט זֵיי אוֹיפְן וֶועג, אֵיינֶער הָאט דֶערְצֵיילְט דֶעם צְוֵוייטְן, בִּיז דִי שְׁמוּעָה וֶועגְן דֶעם גְרוֹיסְן טָעוּת פוּן דִי מִתְנַגְּדִים, אִיז גֶעלָאפְן וִוי אַ פַייעֶר אִיבֶּער דֶערְנֶער, אוּן דִי שְׁטָאט הָאט גֶע'רַעשְׁ'ט אוּן גֶעקָאכְט וִוי אַ קֶעסְל..

אַזוֹי אַרוּם הָאבְּן זִיךְ אוֹיךְ דִי חֲסִידִים פוּן רֶבִּי'ן דֶערְוואוּסְט וָואס אִיז צוּם סוֹף גֶעשֶׁעהְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹרָא'דִיג גֶעפְרֵייט דָאס צוּ הֶערְן, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן דָאס דֶערְצֵיילְן פַארְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיר וָואלְט יָא גֶעדַארְפְט בְּלַייבְּן אוֹיפְן וֶועג אוּן צוּוַוארְטְן" וַוייל דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע גֶעפַאר אוֹיבּ וָואלְט דֶער רֶבִּי בֶּאֱמֶת דָארְטְן אָנְגֶעקוּמֶען, וָואלְט מֶען וֶוען יָא גֶעדַארְפְט דָארְטְן בְּלַייבְּן אוּן הִיטְן דֶעם רֶבִּי'ן אַלְס "לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ" אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט דָאס שׁוֹין צוּגֶעפִירְט צוּם גוּטְן.

אֵיינֶער פוּן דִי מִתְנַגְּדִים וָואס אִיז גֶעוֶוען צְוִוישְׁן דִי גְרוּפֶּע, הָאט זִיךְ פַארְשְׁפַּארְט אִין שְׁטוּבּ אַ שְׁטִיקְל צַייט, פוּן גְרוֹיס בּוּשָׁה, דֶערְוַוייל הָאט עֶר זִיךְ גֶעכַאפְּט בַּיים קָאפּ, וָואסְפַאַרא שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ עֶר הָאט גֶעוָואלְט טוּן, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אַ מַתָּנָה פַארְן רֶבִּי'ן, אִים אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן אוּן מְפַיֵּיס זַיין, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם גֶעשַׁאנְק פוּנֶעם מִתְנַגֵּד, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט:

"אַוַודְאַי וֶועט דִי מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אִים עֶפֶּעס הֶעלְפְן, אָבֶּער דָאס גֵייט אִים נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּנֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן עֹנֶשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן...."

פוּן דֶעם קֶען מֶען זִיךְ לֶערְנֶען דִי הַארְבְּקַייט פוּן זִיךְ קְרִיגְן אָדֶער רֶעדְן אוֹיף אַ צַדִּיק, אָבֶּער מֶען קֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם אַ גְרוֹיסֶע הִתְחַזְּקוּת, וִוי

# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע



## אַ תִּיקוּן אויף פַאר גַשְׁמִיּוּת

מַיין קְלֵיינֶער בְּרוּדֶערְל הָאט בַּאקוּמֶען גָאר שְׁטַארְקֶע קְרֶעץ (פָּאקְין) וָואס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע יִסּוּרִים אַז עֶר הָאט זִיךְ כִּמְעַט נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן. אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אַ תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִין דֶער הַאנְט אוּן גֶעזָאגְט דִי קַאפִּיטְלֶעך, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם לֶעצְטְן קַאפִּיטְל הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין גֶעקֶענְט אַלֵיינְס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

הָאבּ אִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיסְגֶעזָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעך הָאט עֶר שׁוֹין נָאכְדֶעם גֶעקֶענְט אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט אַלֵיין, נָאךְ מַיין דְרִיטְן מָאל עֶנְדִיגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי הָאט עֶר שׁוֹין גֶעקֶענְט אַרוּמְטַאנְצְן, אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז נָאךְ אַפָּאר טֶעג אִיז דִי פָּאקְין אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פוּן אִים, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעהַיילְט בְּעֶזְר הַשֵּׁם.

## אַ גְרוֹיסֶע מְחָאָה

גְלַייךְ וֶוען עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער גֶעזֶעץ אַז מֶען קֶען נִישְׁט פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן נָאר אַז מֶען הָאט אַ וַואקְסִין אָדֶער אַ נִישְׁט כָּשֵׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן, אִיז מַיין טַאטֶע גֶעגַאנְגֶען מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט קַיין וַואקְסִין אוּן נָאךְ אַסַאךְ אִידְן הָאבְּן נִישְׁט אוּן פָּארְן שׁוֹין אוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע טֶעג, זָאל מֶען נִישְׁט גֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע גְּזֵירוֹת אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען פָארְן צוּם רֶבִּי'ן נָאר מִיט אַ אַייפוֹן.

מַיין טַאטֶע הָאט צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע קִינְדֶער אוּן צוּטֵיילְט דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים פַאר יֶעדְן קִינְד אֵיין יוֹם תְּהִלִּים, מִיר הָאבְּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל טַאקֶע פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף אַ רֵיינֶעם וֶועג. אוּן אִין אַיינְוֶועגְס גֶעמַאכְט אַ מְחָאָה קֶעגְן דֶעם בַּעַל דָּבָר וָואס וִויל אוּנְז שְׁוֶוער מַאכְן דֶעם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר הָאבְּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר ווִילְן נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן, דִי אַלֶע גְּזֵירוֹת זָאל מֶען שִׁיקְן פַאר דִי גוֹיִם.

מַיין טַאטֶע הָאט גֶענוּמֶען פוּן זַיין חַבֵר אַן אַלְטְן טֶעלֶעפָאן אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ "חַבֵר" זַיי זָאלְן מַאכְן זִיכֶער אַז דֶער טֶעלֶעפָאן הָאט גָארְנִישְׁט אִין זִיךְ נָאר דִי זַאךְ וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין אוּקְרֵיינֶע, לְמַעֲשֶׂה וֶוען מַיין טַאטֶע אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין עֶירְפָּארְט הָאט דֶער טֶעלֶעפָאן נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט. עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ חַבֵר וָואס הָאט גֶעהַאט אַזַא טֶעלֶעפָאן אוּן וֶוען מַיין טַאטֶע אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים גְרֶענִיץ-וַואךְ הָאט דֶער חַבֵר גֶעוָואלְט הֶעלְפְן מַיין טַאטְן אוּן גֶעגֶעבְּן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי גְרֶענִיץ דֶעם טֶעלֶעפָאן, הָאט מַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט פַאר זַיין חַבֵר אַז עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס, עֶר זָאל עֶס נִישְׁט גֶעבְּן פַאר מֶען בֶּעט עֶס. דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דִי גְרֶענִיץ בֶּעט פוּן מַיין טַאטְן זַיינֶע פַּאפִּירְן מִיט דִי פַּאסְפָּארְט אוּן פְרֶעגְט אִים צוּ עֶר הָאט אַ וַואקְסִין? מַיין טַאטֶע עֶנְטְפֶערְט, ניין! דֶער גְרֶענִיץ מֶענְטְשׁ נֶעמְט דֶעם פַּאסְפָּארְט אוּן גִיט אַ זִיגְל אוּן בַּאפְרַייט אִים...

בִּזְכוּת דִי תְּפִלּוֹת פוּן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז מַיין טַאטֶע אַרִיבֶּער אָן קַיין אַייפוֹן.

גֶעוואלְדִיג אִיז אַז מֶען הָאלְט זִיךְ אִינֶעם צַדִּיק, מֶען פָּאלְגְט דֶעם צַדִּיק, אוּן אַוַודַאי עַל כָּל פָּנִים אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְן צַדִּיק....

ר' נָתָן פְלֶעגְט זִיךְ מִיט דִי זַאךְ אַסַאךְ מְחַזֵּק זַיין, אוּן אוֹיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען זַיין זוּן ר' יִצְחָק אִין זַיינֶע בְּרִיוְון וָואס עֶר הָאט אִים גֶעשִׁיקְט, אַז אֲפִילוּ עֶר זֶעט אַז עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר דַארְף נָאךְ אַסַאךְ פַארֶעכְטְן, זָאל עֶר זִיךְ כָאטְשׁ מְחַיֶּה זַיין, "גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְן גְרוֹיסְן אֱמֶת'ן צַדִּיק", קַל וָחֹמֶר אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה אִין אָט דֶעם צַדִּיק אוּן ווִיל אִים פָאלְגְן, דַארְף עֶר זִיךְ שׁוֹין גָאר שְׁטַארְק פְרֵייעֶן אוּן טַאנְצְן פוּן שִׂמְחָה, אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ... טוֹיזְנְט מָאל....

# לגאומיר זיך פאר הערן

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די אכטע מעשה
## דער רב און דער בן יחיד




**א. וואס האט געפעלט פארן בן יחיד?**
- ❑ ער האט נישט געקענט לערנען.
- ❑ ער האט נישט געפילט א טעם ביים לערנען און דאווענען.
- ❑ ער האט נישט געקענט דאווענען.

**ב. וואספארא עצה האט מען אים געגעבן?**
- ❑ פָארְן צו דעם און דעם צדיק.
- ❑ לערנען מער פלייסיג.
- ❑ טוהן חסד מיט א צווייטן.

**ג. ווער האט אים געגעבן די עצה?**
- ❑ זיין טאטע
- ❑ זיין רבי
- ❑ צוויי יונגע לייט

**ד. דורך וועלכע מצוה איז צוגעקומען דער בן יחיד צו א בחינה פון "מאור הקטן"?**
- ❑ ער האט געלערנט אסאך שעות רצופות.
- ❑ געדאוונט מיט כוונה און דביקות.
- ❑ דער רבי זאגט נישט וועלכע מצוה

**ה. וואס האט אים זיין טאטע געענטפערט ווען ער האט געבעטן צו פארן צום צדיק?**
- ❑ דו ביסט מער א למדן פון אים.
- ❑ דו ביסט מער א מיוחס פון אים .
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ו. פארוואס האט זיין טאטע געמוזט פארן מיט אים?**
- ❑ ווייל ער האט נישט געוואלט אים לאזן פארן אליין, ווייל ער איז א בן יחיד.
- ❑ ווייל ער האט געוואלט האנדלען דארטן.
- ❑ ווייל ער האט געוואלט קענען דעם צדיק.

**ז. וואס האט פאסירט ביים פארן צום צדיק דעם צווייטן מאל?**
- ❑ עס איז אראפ געפאלן א פערד און די בריקע האט זיך איבער געקערט, און זיי זענען שיר דערטרונקען געווארן.
- ❑ זיי האבן געפונען א סוחר אין אכסניא.
- ❑ עס האט זיך צובראכןביידע אַקְסִין.

**ח. וואס האט זיי דערציילט דער סוחר אויף יענעם צדיק?**
- ❑ אז ער איז די בחינה פון מאור הגדול.
- ❑ אז ער איז א קל , און ער האט געטאן איין עבירה.
- ❑ אז ער איז זייער א גרויסער צדיק.

**ט. האט דער רב מיטן בן יחיד ממשיך געווען צו פארן צום צדיק ?**
- ❑ זיי האבן ממשיך געווען.
- ❑ זיי זענען געפארן צו א צווייטער צדיק.
- ❑ זיי האבן זיך אומגעקערט צוריק אהיים.

**י. וואס האט פאסירט מיטן בן יחיד נאכדעם?**
- ❑ ער איז געשטארבן.
- ❑ ער איז געווארן מער א למדן.
- ❑ ער האט אפגעלאזט דעם לערנען.

**יא. וואס האט דער בן יחיד געענטפערט פאר זיין טאטע ווען ער איז געקומען צו אים אין חלום ?**
- ❑ ער זאל לערנען תורה לעילוי נשמתו.
- ❑ ער זאל פארן צום צדיק, כדי צו טרעפן דעם סוחר אין וועג.
- ❑ ער זאל פארן צום צדיק, און דער צדיק וועט אים זאגן פארוואס איז דער בן יחיד בכעס.

**יב. וואס האט פאסירט פארן רב ביים וועג צום צדיק, נאך זיין חלום?**
- ❑ עס איז אראפ געפאלן א פערד און די בריקע האט זיך איבער געקערט.
- ❑ ער האט געפונען דעם סוחר.
- ❑ עס האט זיך צובראכן ביידע אַקְסִין.

**יג. וואס האט דער סוחר געזאגט פארן רב?**
- ❑ ער זאל שנעל פארן צום צדיק.
- ❑ ער זאל צוריק פארן אהיים אין שטוב.
- ❑ אז דו ווילסט, האט שלינג איך דיר איין.

**יד. וואס וואלט פאסירט אויב דער בן יחיד וואלט זיך געטראפן מיטן צדיק?**
- ❑ וואלט זיך אויפגעבויעט דער בית המקדש.
- ❑ וואלט משיח געקומען.
- ❑ וואלט ער געווען מער א למדן.

**טו. וואס האט דער רב געשריגן ווען ער איז געקומען צום צדיק?**
- ❑ קיין יאוש איז נישט פארהאנדין.
- ❑ געוואלד געוואלד.
- ❑ גיב מיר א וועג צו תשובה טאהן.

**טז. ווער איז באמת געווען דער סוחר?**
- ❑ דער ס"מ אליין.
- ❑ איינער פון די צוויי יונגע לייט.
- ❑ א מלך וואס האט זיך פארשטעלט אויף א סוחר

**השי"ת זאל אונז מציל זיין פון אים, און זאל אונז אומקערן צום רעכטן אמת מיט אסאך הצלחה!!!**

המשך פון זייט 1

אוּנְזֶערֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, בִּיז מִיר וֶועלְן דֶערְהֶערְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת אוּן סְ'וֶועט אַרַייְנְגֵיין אִין אוּנְזֶער הַארְץ אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, וַוייל דֶער שׁוֹפָר אִיז אֵיינְס פוּן דִי צֶען מִינֵי נְגִינָה וָואס וֶוערְט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אִין תְּהִלִּים אִין קַאפִּיטְל הַלְלוּ קֵל בְּקָדְשׁוֹ - הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה, אוּן דִי שַׁעֲרֵי צִיּוֹן זָאלְן זִיךְ עֶפְּעֶנֶען בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.


צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,
02-5-3333-72
646-518-1095
1-518-329-9149


## תְּפִלָּה אוֹיף דִי נְסִיעָה פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

**עַל כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ,** דֶערְבַּארֶעם דִיךְ אוֹיף אוּנְז וֶועגְן דַיין הֵיילִיגְן נָאמֶען, אוּן זַיי אוּנְז צוּ הִילְף מִיר זָאלְן קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי אֱמֶתֶ'ע צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן זִיךְ בֶּאֱמֶת מְקַשֵּׁר זַיין צוּ זֵיי, צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת בִּשְׁלֵמוּת דוּרְךְ זֵיי, אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מַמְתִּיק זַיין אַלֶע דִינִים אוּן מַמְשִׁיךְ זַיין גוּטֶע חֲסָדִים.

מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וִויסְן אוּן אַנֶערְקֶענֶען דַיין דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט אוּן דַיין גֶעוֶועלְטִיגוּנְג אוֹיף אוּנְז, דוּ זָאלְסְט קֶענִיגְן אוֹיף אוּנְז מִיט דַיין כָּבוֹד וִוי אוּמְשְׁנֶעלְסְטְן "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְעַלְתּוֹ" אוּן יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ זָאל וִויסְן אַז דוּ הָאסְט אִים בַּאשַׁאפְן, אוּן יֶעדֶער וָואס הָאט אַ נְשָׁמָה אִין זִיךְ זָאל זָאגְן: **דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דֶער גָאט פוּן דִי אִידְן אִיז דֶער קֶענִיג אוּן זַיין קֶענִיגְרֵייךְ טוּט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אַלֶעמֶען.**

זֵיי אוּנְז מְטַהֵר אוּן הֵיילִיג אוּנְז מִיט דַיין דֶערְהוֹיבֶּענֶע קְדוּשָּׁה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה.